בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של

רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ע"ז

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


**אחלי לראות אור בהירות הדרך**

**נטיתי ידי ואין מקשיב**

**דיבור אחד של אמת**

**אין אבידה כאבידת הזמן**

**מטמא טהורים ומטהר טמאים**

**די וועלט שטייט נישט**

**דער אנהויב פונעם חורבן - בשעת בריאת העולם**

**'חצות' - אבי נישט שלאפן!**

**דריי אזייגער**

**אינם על מקומם**

**עיקר הנסיון של יוסף הצדיק**

**"און דו בן מלך, קום לאמיר אהיים פארן!"**

**אריינשיינען אין אנדערע**

**סגולה לאריכות ימים**

**"אזא רבי זוכן מיר דאך!"**

**"יא, דאס איז מיין רבי!"**

**כי מקיוב תצא תורה**


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו:

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש #2 ואח"כ #90


©

כל הזכויות שמורות



הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**(מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של **$15** עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# ~ פרשת מטות מסעי, תשל"ה ~

**(טייפ מס' 90#)**

## אחלי לראות אור בהירות הדרך

(חסרה ההתחלה: מדברים מענין גודל החיוב להיות אצלו בראש השנה כמבואר בחיי מוהר"ן בפרק 'גודל יקרת ראש השנה שלו', ובפרט מה שכותב מוהרנ"ת שם: "מריבוי דבריו הקדושים אז בזה, ומתנועותיו הנוראות אז, הבינו עוצם החיוב יותר ויותר וכו', וגם למדנו אז שרצונו חזק להיות אצלו באומין על ראש השנה תמיד לאחר הסתלקותו, ושאין דבר גדול מזה" וכו' עיי"ש ועוד בכמה מקומות).

**וואס איז דער לשון: 'אחלי' - איך ווינטש זיך? ווען איז שייך צו זאגן דער לשון וואס דער רבי האט געזאגט 'איך ווינטש זיך צו זעהן דאס לעכטיקייט פון די וועגן וואס איר פארט אויף זיי צו מיר?'[א] דאס איז א וואונטש אויף שפעטער!** (- היינו הכוונה על לאחר הסתלקותו).

**דעם לעצטן ערב ראש השנה, דער רבי גייט נסתלק ווערן**[ב] (אז אמר רביז"ל:) **איך ווינטש זיך צו זעהן דאס לעכטיקייט פון די וועגן!** (דער פשט דערפון איז) **אז דאס איז א וואונטש אויף שפעטער! פארשטייסט!?**

**עס איז געווען נאך רמזים וואס דער רבי האט מרמז געווען אז מען זאל קומען ווייטער** (לאחר הסתלקותו).

(השואל: זאגן האט ער נישט געזאגט?) **ניין, 'בפירוש' נישט.**

---

[א] עי' חיי מוהר"ן רצ"א: אמר לרבי יודל ורבי שמואל אייזיק זכרונו לברכה כשהיו נוסעים אליו מדאשוב למעדוועדיווקע ופעם אחת היו רוצים לצאת לסביבות מעדוועדיווקע כדי להיות סמוכים אליו תמיד וכן עשו. אז אמר שהוא מתגעגע מאד אחר הדרכים שלהם שהיו נוסעים בהם אליו. ואמר שבכל פסיעה ופסיעה שלהם כשנסעו אליו נברא מלאך מכל פסיעה ופסיעה. ואמרו לו הלא גם כמה יגיעות יש לנו וכמה פסיעות אנו הולכין קדם ששוכרין העגלה לנסע. השיב בודאי גם זה בכלל, כי גם מאלו הפסיעות נברא מלאך מכל פסיעה ופסיעה. ובערב ראש השנה האחרון באומין דבר מזה ואמר בזו הלשון: **"איך ווינטש מיר אז איך זאל זוכה זיין צו זעהן דאס לעכטיקייט פון דיא וועגין וואס איר פארט אויף זייא צו מיר!" - אחלי שאזכה לראות אור בהירות הדרך שאתם נוסעים עליו אלי!**

[ב] עיין חיי מוהר"ן רי"ח, רי"ט.

דעם ערשטן ראש השנה (לאחר הסתלקות רבינו) זענען געקומען אלע תלמידים אויף ראש השנה, ר' יודל, ר' שמואל אייזיק - אלע זענען געקומען, חוץ 'ר' אהרן דער רב', (וויבאלד) ער איז נישט געווען דעם לעצטן ראש השנה האט ער נישט געזעהן די רמזים.

נאך א זאך, אז בכלל, אזוי ווי אלעם וואס איז געווען ביים רבי'ן א 'ודאי' - האט דער רבי נישט געזאגט בפירוש: 'עשה כך'![ג]

דער רבי האט געזאגט: "האט איר אמאל געהערט פון מיר א ווארט מוסר?!"[ד] דער רבי זאגט א תורה, א מאמר, אבער זאגן יענעם מוסר 'פארוואס טוסטו אזוי? וואס טוסטו אזוי?' דאס איז קיינמאל נישט געווען!

דער רבי האט געזאגט א תורה און יעדער איינער האט זיך געפונען אין די תורה! אז ער האט זיך גוט צוגעהערט האט ער זיך געפונען אין די תורה וואס ער האט געדארפט; וואס מען דארף אים זאגן האט ער זיך געפונען אין די תורה! (אבער אז) דער רבי זאל איינעם זאגן 'עשה כך' – איז קיינמאל נישט געווען, אפילו אין דעם ענין פון ראש השנה האט דער רבי אויך נישט (צוגענומען די בחירה).

עס איז געווען אמאל א ראש השנה וואס ר' ליפא איז נישט געקומען, ער איז געווען ר' נתן'ס א חבר, ער איז געקומען (ר' נתן), האט דער רבי א פרעג געגעבן: וואו איז ליפא? האט מען פארענטפערט אז עס איז נישט געווען קיין אתרוגים - און אין אדעם איז אנגעקומען אתרוגים, האט מען געדארפט שיקן (איינעם), האט מען אים אויסגעקליבן ער זאל פארן, ער זאל ברענגען א אתרוג, ער איז דאך א מזכה את הרבים

---

[ג] עי' חיי מוהר"ן ת"ל, בענין דרכו ז"ל: "אין דרכו ליעץ את האדם ולגזור עליו בדווקא שיעשה דווקא כמו שהוא מצווה, רק הוא מייעצו בדרך עצה טובה אם יעשה יעשה ואם לאו לאו. אף על פי שרצונו שיעשה כך, אף על פי כן אין דרכו לדחוק על שום דבר שיהיה דווקא כך, אלא אם יהיה יהיה ואם לאו לאו. ויש לי כמה טעמים על זה עכ"ל". ועיי"ש עוד בביאור הדבר.

[ד] עי' שיחות הר"ן קכ"ד: "פעם אחת שאל אותי בלשון תמה: השמעת ממני דברי מוסר? ואמר שאינו יכול לומר דברי מוסר. כי כל דיבור מוסר שלו הוא מוטבל ומורחץ בדמעות (בלשון אשכנז אמר בזו הלשון: איטליכס ווארט פון מוסר איז בייא מיר פארוואשן מיט טרעהרין). ומחמת זה אינו יכול לומר מוסר בפירוש: ובתחלה היה אצלנו קצת תמיהה מה שאמר שאינו אומר מוסר. כי לפי דעתנו כל דבריו הם דברי מוסר גדול מאד מאד כאש בוערת ממש. אך באמת לא היה רגיל לומר דברי מוסר בפירוש כדרך המוכיחים, אבל אף על פי כן כל דבריו וכל שיחותיו היה רק מענין עבודת ה'. וכל דבריו היה כגחלי אש ממש". גם עיין בספר ליקוטי עצות ערך 'תוכחה' אות כ'.

- דעמאלט האט זיך דער רבי אנגערופן: **"וואס זאל איך אייך זאגן? קיין גרעסערם דערפון איז נישטא!"**[ה].

זיי האבן אים געוואלט פארענטפערן - אז ער איז אוועקגעפארן, מען האט אים געשיקט פון 'די שטאט', היות ער איז געווען זייער א פעאיגער יונגערמאן, ער וועט ברענגען אן אתרוג.

(השואל: א אתרוג פארן רבי'ן?) ניין, א אתרוג פאר די שטאט דארטן - (נעמיראוו).

❖

## נטיתי ידי ואין מקשיב

עס איז היינט אויך אזוי, דער אויבערשטער איז מרמז רמזים - עס ווערט געבראכט אז לעתיד וועט מען יעדן איינעם ווייזן וואספארא רמזים מען האט אים מרמז געווען, יעדן איינעם - וועט מען אים ווייזן: "זעסטו? זעה מען האט דיר אזוי פיל מאל מרמז געווען רמזים".

נאר וואס דען, די אידן וואס זענען זיך גוט מיישב פארן אויבערשטן, זיי קוקן זיך גוט צו צו די רמזים, דאס הייסט א גוטער ישוב הדעת; א רמז, א טראכט, א מענטש קומט, א דיבור - דאס איז אלץ די רמזים!

דאס וואס עס איז אלץ 'רמזים' מיינט מען נישט אז עס איז עפעס אזוי שווער (להבינם). די וואס האבן ישוב הדעת (פארשטייען אז) דאס איז א רמז פון אויבן; 'פארוואס איז געקומען דער מענטש צו מיר?' וכדומה - דאס איז אלס רמזים! מען ווינקט אים אלץ אן רמזים.

עס איז דא א פסוק[ו]: 'נטיתי ידי ואין מקשיב', זאגט רש"י - ער איז מרמז רמזים; "איך האב מרמז געווען רמזים - און 'ואין מקשיב'", קיינער האט נישט צוגעהערט' [וזה לשונו: נטיתי ידי - לרמוז להם לסור אלי כאדם המרמז לחבירו בידו ונוטה ידו אליו לסור אליו].

---

[ה] עי' אורך סיפור הדברים ב'כוכבי אור', חלק אנשי מוהר"ן - ראשי פרקים מן האותות והמופתים שנראו מאדמו"ר זצ"ל, אות ל'. גם עי' בחיי מוהר"ן אות ר"כ, ות"ל.

[ו] משלי א, כד.

אז מען האט א אמת'ן ישוב הדעת פארן אויבערשטן, דעמאלט איז בכלל אזוי - אז ער שטייט אין א אנדער ארט, אין א אנדער ארט שטייט ער גאר!

אז ער איז זיך גוט מיישב פארן אויבערשטן, דעמאלט איז נישט אזוי וואלוול (בילּיג) די מחשבה און דער דיבור און דער קוק און אלעס! ער איז דעמאלט גאר אן אנדער מענטש בכלל אזוי - (על-ידי) ישוב הדעת!

- דאס הייסט ישוב הדעת! ער בעט דעם אויבערשטן אז ער זאל האבן א אמת'ן ישוב הדעת! דאס האבן א אמת'ן ישוב הדעת מאכט אזא מין שינוי אין מענטשן, אז ער ווערט אינגאנצן איבערגעביטן, ער איז גארנישט דער וואס ס'איז געווען פריער.

❖

## דיבור אחד של אמת

דאס איז אויך דאס אייגענע, דער רבי האט געזאגט[ז], דארטן שטייט אין תורה קי"ב: "והמשכיל המבין יש לו להתפלל כל ימיו, שיזכה פעם אחד כל ימי חייו, לדבר דיבור אחד של אמת לפני ה' כראוי" - 'ה' הושיעה', גאט העלף!

דאס איז אויך דאס אייגענע, אז ער וועט האבן ישוב הדעת (כסדר, אזוי ברבות הזמן יזכה) וועט ער ארויסכאפן איין אמת'ן ישוב הדעת. אז ער וועט נאר זאגן איינמאל, וועט עס (נאך) נישט זיין.

אז דו וועסט האבן ישוב הדעת, און כסדר זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, וועט דער אויבערשטער העלפן - וועסטו האבן א ריכטיגן ישוב הדעת! דער ישוב הדעת וועט שוין מאכן אלעס!

(חוזר לדקדק בלשון רבינו ז"ל:) "והמשכיל המבין יש לו להתפלל כל ימיו, שיזכה פעם אחד כל ימי חייו, לדבר דיבור אחד של אמת לפני ה' כראוי" - (לכאורה קשה:) וואס? אז ער בעט שוין דעם אויבערשטן, זאל ער בעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל זאגן 'אסאך'

[ז] וז"ל שם: "והמשכיל המבין יש לו להתפלל כל ימיו, שיזכה פעם אחד כל ימי חייו, לדבר דבור אחד של אמת לפני ה' כראוי!". ובהמשך שם אומר רבינו, וז"ל: "והעיקר, שבתפילתו ותחינתו ובקשתו, אף על פי שאי אפשר לו לדבר שום דיבור בתפילה ותחנונים, מגודל החושך והבלבול המסבב אותו מאד מאד מכל צד, אף על פי כן, על כל פנים יראה לדבר הדיבור באמת, באיזה מדריגה נמוכה שהוא. כגון למשל, שיאמר: "ה' הושיעה", באמת. אף על פי שאינו יכול לדבר בהתלהבות והתעוררות כראוי, אף על פי כן יאמר הדיבור באמת, כפי מה שהוא. ועל ידי הדיבור האמת, יזכה לראות הפתחים שבתוך החושך, ועל ידי זה יזכה לצאת מחושך לאור, ולהתפלל כראוי!".

**דיבורי אמת!?** (התירוץ לזה:) **דער דיבור אמת וועט שוין מאכן אלעס! דער דיבור אמת וועט שוין נישט שווייגן!**

**דער דיבור אמת וואס איז אן 'אמת' - דער אור פונעם אויבערשטן אליין, דער דיבור אמת וועט שוין אזוי רעש'ן, ער וועט שוין רייסן שטיקער, אוי!**

❖

# אין אבידה כאבידת הזמן

**מען זעהט דאך ארויס - דער צייט! די צייט שטייט נישט קיין איין רגע! עס ווערט דאך געבראכט: 'אזוי לויפן ווי דער צייט לויפט איז נישטא קיין זאך אין דער וועלט'! קיין איין רגע שטייט נישט דער צייט; איין רגע - און עס איז שוין א אנדערער, עס איז שוין נישט פון פריער.**

**מען זעהט דאך יעדער רגע - אז די צייט און דער זמן שטייט נישט. אזוי ווי איך האב נאר אפגעלאזט די רגע האב איך** (מער) **נישט די רגע, איך האב זי נישט. סיידן – מען דארף האבן גרויס רחמים – מיט תשובה כאפט מען צוריק,** (אבער) **ווער וויים צו דו וועסט קענען כאפן קריק? הלוואי זאל ער כאפן די אנדערע רגע, כאפן די ערשטע רגע?!**

**און אז מען האט דעם אמת'ן ישוב הדעת, קען מען היטן די רגע.**

**אז די רגע איז אפגעלאזט - איז אפגעלאזט, איך האב זי נישט! איך האב זי נישט!**

**א מענטש דארטן, ער זיצט און לערנט, תורה תפילה, עס מאכט זיך אמאל ער ווערט מיד הויבט ער אויף די אויגן צום אויבערשטן, מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן, איז אויך א דבר גדול מאוד.**

**ר' נחמן טולטשינער אין א בריוו דארטן צו ר' יחזקאל העשיל: 'אופהויבן די אויגן צום אויבערשטן איז אויך א דבר [יקר אצלו יתברך בלי שיעור'] מען קען נישט ארויסרעדן** (דאס גרויסקייט)**; אופהויבן די אויגן צום אויבערשטן איז אויך א דבר גדול מאוד!**[ח]

[ח] עיי"ש, מכתבי מוהרנ"ט, מכתב ו', וז"ל שם: "וְדַע יְדִידִי אֲשֶׁר אִם יְכוֹלִין לִשְׁפֹּךְ לְבָבוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי מַה טּוֹב, הֵן בִּתְהִלִּים וְהֵן בִּתְפִלּוֹת וּבְהִתְבּוֹדְדוּת כַּאֲשֶׁר לִמְּדָנוּ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, אַךְ אִם הַלֵּב אָטוּם וְאֵין מִלָּה בְּפִינוּ בִּבְחִינַת אֵין לִי פֶּה לְדַבֵּר וְכוּ' שֶׁאָמְרוּ וְצָוְחוּ הַקַּדְמוֹנִים, אָז הָעִקָּר לִשָּׂא עֵינֵינוּ לַמָּרוֹם, אֲשֶׁר זֹאת יָקָר אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ

וואס געדויערט אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן? א רגע! א רגע הויב איך אויף די אויגן צום אויבערשטן.

אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן - דאס איז 'קבלת עול מלכות שמים'! ווארום עס שטייט טאקע אין תיקונים[ט], אז 'שמע' מאכט: ש'או מ'רום ע'יניכם. 'שמע' - איז דאך קבלת עול מלכות שמים! דאס איז שמע, הויב אויף די אויגן צום הימל!

דער רבי זאגט טאקע דארט אין די תורה פון חצות[י]: 'ובבוקר טוב להסתכל על השמים', אינדערפרי איז גוט צו קוקן אויפן הימל, 'שאו מרום עיניכם - מי ברא אלה'!

'אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן' איז א רגע, דאס איז א רגע! און אזוי ווי אויפן גוטן אופן איז דאך א 'רגע' זייער גוט, (כמו"כ) איז חלילה פארקערט; אין א רגע קען מען האבן א שלעכטן געדאנק (ח"ו). אז די רגע איז אזוי טייער אויף דעם אופן – קען ער חלילה קאליע מאכן אין א רגע אויף דעם אופן[יא].

❖

## מטמא טהורים ומטהר טמאים

נאר וואס דען? נאר האבן התחזקות!

מען האט שוין כמה פעמים גערעדט, אז 'התחזקות' - זאגט דאך ר' נתן אין די הלכה[יב] - דאס איז די 'פרה אדומה' - דאס איז 'מטמא טהורים ומטהר טמאים'.

למשל, אז איינער (וועט זאגן:) 'אחטא ואשוב' - כל זמן ער איז פול מיט התחזקות, נע, איך קען איצטער רעדן אביסל, איך קען איצטער אביסל לאכן, איך האב דאך אזוי פיל התחזקות, איך וועל זיך מחזק זיין דערנאך אויך - אויב אז די התחזקות וועט מיר

---

בְּלִי שִׁעוּר כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי נְבִיאִים וּבְדִבְרֵי חֲכָמֵינוּ זַ"ל. אַךְ אֵין הַפְּנַאי מַסְכִּים לְהַאֲרִיךְ. וְכַאֲשֶׁר הִרְבָּה לְדַבֵּר מִזֶּה מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה עַל פָּסוּק סוֹד ה' לִירֵאָיו וְכוּ' וְכוּ' וְלָהֶם גִּלָּה גֹּדֶל רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו. וְעַל יְדֵי זֶה "עֵינַי תָּמִיד אֶל ה' כִּי הוּא יוֹצִיא מֵרֶשֶׁת רַגְלַי" בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ וּבְמָמוֹן".

[ט] תיקון מ"ט

[י] ליקו"מ קמ"ט

[יא] עי' ליקו"ה נזיקין ה"ד, ג': "ע"כ צריך כל אדם לידע שחוט השערה יקר מאד מאד! והוא תלוי בכל עת בחוט השערה שיכול האדם לקלקל הרבה מאד ע"י חוט ח"ו. ומכ"ש וכ"ש שיכול לתקן הרבה ע"י חוט השערה כי מדה טובה מרובה ממדת פורעניות!".

[יב] השכמות הבוקר א'

ברענגען אז איך זאל דערפאר קענען בטל'נען צייט, איז עס מטמא טהורים, דאס איז א פאלשע התחזקות! די התחזקות ברענגט מיר, עה - איך קען זיצן און רעדן אויך.

אלע שיחות אין התחזקות געדענקט ער - דאס איז מטמא טהורים.

די התחזקות דארף מיר ברענגען, (אז אויב) 'איך בין דארטן דורכגעפאלן מיט א זאך, און ער (הבע"ד) וויל מיך אראפווארפן, בין איך זיך מחזק, איך לאז זיך נישט', אים איז מטהר טמאים!

התחזקות איז א געוואלדיגער משקל. רבי נתן זאגט אזוי: עס איז מטמא טהורים, און מטהר טמאים,

עס איז א גמרא דא[יג]: 'הקורא קריאת שמע ערב ובוקר', איז מקיים 'והגית בו יומם ולילה', אזוי זאגט די גמרא. נו, דער מאמר חז"ל - אז יעדער איינער וועט דאס נעמען פאר זיך - שוין, (אז ער וועט לערנען אביסל תורה) פארנאכט, מעג איך שוין א גאנצן טאג בטל'נען, (כי כבר קיים) 'והגית בו יומם ולילה' (אבל כמובן, אין זה נכון!). דער מאמר חז"ל - דאס איז טאקע א מאמר חז"ל, מען דארף עס (אבער) נעמען אזוי ווי מען דארף אים נעמען.

דאס איז דער ענין פון 'צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם'. אז עס שטייט 'בם' - איז דאך עס אלץ אין די תורה הקדושה (ופושעים יכשלו 'בם'). צדיקים האבן א הילוך דארטן, און די פושעים ווערן נכשל דארטן.

אבער די זאך איז דאך אזוי: דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א תורה, ער האט באשאפן א וועלט, האט ער געגעבן צוויי וועגן - עס שטייט 'וייצר' מיט צוויי יוד'ין, זאגט דער מדרש[יד]: 'יצירה לטב ויצירה לביש', 'וייצר ה' את **האדם**'[טו] - עס שטייט 'וייצר' מיט צוויי יוד'ן, וויבאלד - אזוי ווי ער האט באשאפן דעם מענטשן - האט ער

[יג] מנחות צט: "אמר רבי יוחנן משום ר"ש בן יוחי אפי' לא קרא אדם אלא קרית שמע שחרית וערבית קיים לא ימוש ודבר זה אסור לאומרו בפני עמי הארץ ורבא אמר מצוה לאומרו בפני עמי הארץ. ופרש"י: אסור לאומרו. שלא יאמר בקרית שמע סגי ולא ירגיל בניו לתלמוד תורה: מצוה לאומרו כו'. דסבר משום קרית שמע נוטל שכר גדול כזה כי אז תצליח את דרכיך אם היה עוסק כל היום כ"ש ששכרו גדול ומרגיל את בניו לתלמוד תורה. ל"א סברי הנך רבנן דמצי פטרי נפשייהו בקרית שמע ויתבי כולי יומא וגרסי שמע מינה שכר גדול יש". גם הובא במדרש שוחר טוב תהלים א' - ע"פ 'ותורתו יהגה יומם ולילה'.

[יד] עי' זוה"ק ח"ג דף קיא. ודף רעח:

[טו] בראשית ב, ז.

גלייך באשאפן א יצירה לטב און א יצירה לביש; דאס איז א יצירה פון לטב - גיין אויף גוטע וועגן - מצוות ומעשים טובים - און דאס איז א יצירה אויף לביש.

דער אויבערשטער זאגט דאך אזוי[ט]: 'נתתי לפניך הברכה והקללה - ובחרת בחיים!' דער אויבערשטער זאגט: 'ובחרת בחיים' קלייב זיך אויס 'בחיים' - האט ער געגעבן צוויי וועגן.

אויב (עס זאל זיין) נאר איין וועג, האט דאך דער אויבערשטער אויבן מלאכים, מלאכים האט ער אויבן געגוג! זיי האבן נישט קיין וועג פון א שלילה, (זיי האבן) איין וועג - נאר צום אויבערשטן - האט ער דאך שוין אויבן מלאכים. זיי האבן דארטן זייער גן עדן מיט זייער חיות אינעם אויבערשטן, זיי פלאקערן און ברענען צום אויבערשטן.

דער אויבערשטער האט דאך אבער באשאפן די בריאה פון מענטשן - ווייל די מענטשן זאלן זיין נענטער צו אים ווי די מלאכים - און ווי קען דאס זיין? נאר ווייל זיי האבן צוויי וועגן; זיי האבן א יצירה לטב, און א יצירה לביש, א וועג פון ילכו בם, און א וועג פון יכשלו בם - אזוי קען אויסוואקסן אזעלכע צדיקים.

זיי זענען נענטער צום אויבערשטן מער ווי מלאכים! זיי לעבן אין א וועג וואס איז תמיד צוויי וועגן.

און די צוויי וועגן איז דער פשט, אז 'וואו' ער גיט זיך א דריי האט ער אלץ צוויי וועגן תמיד; אין די מחשבה און אין די ראיה - 'וואו איך גיב זיך א ריר האב איך אלץ צוויי וועגן' -

און געדענקען אז דאס איז באלד! (תיכף כשירדה הנשמה), מיין יצירה איז באלד געווען אויף דעם אופן, מיין יצירה איז געווען אויף צוויי וועגן. איך האב צוויי וועגן - אהין-אהער!

דארף מען טאקע האבן התבודדות און רעדן מיט א חבר, פארוואס? ווייל וויבאלד מען האט דיר באשאפן אויף צוויי וועגן, איז תמיד הענגסטו!

דערפאר טאקע, דער רבי ברענגט אין חיי מוהר"ן[י] פון איינעם (בעל ה'יסוד ושורש העבודה') וואס האט געגעבן א קלאפ מיט די פינגער: 'איבערגעשפרונגען די וועלט!'

---

[ט] דברים ל, יט

[י] תקכ"ב

צדיקים האבן דאך א עבודה כל ימי חייהם זיי זאלן נישט קיין איין רגע אוועקגיין פונעם אויבערשטן, צדיקים!

עס איז נישט קיין קליינקייט, ער לאקערט, ער ווייס אז ער איז א צדיק, די גאנצע וועלט לאזט ער אפ און ער נעמט זיך צו אים[יח]; 'ער' לאזט אים נישט אפ - און 'ער' (היינו האדם) האלט די 'כלי זיין'.

❖

## די וועלט שטייט נישט

רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט, אז "די וואס זיי ווייסן נישט אז זיי וועלן ליגן מיט די פיס צו די טיר - האב איך מיט זיי גארנישט וואס צו רעדן!" וואס זאל איך רעדן מיט זיי?! די וואס זיי ווייסן אז זיי וועלן ליגן מיט די פיס צום טיר, דאס הייסט, ער האט אינזינען דעם 'יום אחרון', דעם לעצטן טאג - פאר זיי האב איך געמאכט די ליקוטי הלכות! אבער די וואס ווייסן דאס טאקע - איז דאך א געוואלד, זיי דארף מען שטארקן אז דער רבי זאגט: זיין בשמחה תמיד! זיין פריילעך, נישט זיין מרה שחורה'דיג (וכדו').

אזא שמועס (שחייו תלויים תמיד כנ"ל) קען מען ווערן מרה שחורה'דיג דערפון - 'געוואלד! אין יעדע רגע בין איך אין א סכנה!' (אבער) ניין, טאמער (וועסטו זיין אין) מרה שחורה, קענסטו זיך נישט רירן, קענסטו נישט דאווענען, קענסטו נישט לערנען, האסטו שוין כבידות - דער אויבערשטער האט דאס פיינט, 'מרה שחורה האט דער אויבערשטער פיינט!'[יט].

די אלע זאכן וואס מיר רעדן דא איז נישט דער פשט - דערפאר זאל א מענטש ווערן מרה שחורה'דיג - דאס איז נישט די כוונה.

איינער האט געלערנט 'ראשית חכמה'; ער מאלט אויס דעם גהינום אזוי גוט, ער מאלט אים גוט אויס, ער איז אריינגעקומען צו ר' נתן'ען, "געוואלד", זאגט ער, "עס איז דאך עפעס א פחד". זאגט ער אים: "די כוונה פון ראשית חכמה איז נישט געווען

---

[יח] עי' גמ' סוכה נב.

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא מ"ח - אגרת מוהר"ן.

ער זאל דיך אראפווארפן, נאר אויב דו קענסט נישט - לערן נישט! קוק נישט דארטן"[כ].

ער האט אים געזאגט: 'די כוונה פונעם ראשית חכמה איז נישט געווען, ער זאל דיך אראפווארפן, אויב דו קענסט נישט - עס איז צו שארף, קוק נישט דארט'! מען מוז דאך (דאס אמאל) זאגן דעם מענטשן כדי 'ער זאל זיך נישט לאזן נארן'.

מען זעהט דאך אז די וועלט איז נישט קיין אייביגע - עס איז אוועקגעגאנגען יוסף ארליך[כא], מען זעהט דאך אז ס'גייט - ס'שטייט נישט, א 'מצודה פרוסה על כל החיים'[כב], ער איז פארשפרייט 'על כל החיים', מען מוז אריינגיין אין דער מצודה[כג]; דער פריער - דער שפעטער; דער (ביי די) ניין און ניינציג, דער הונדערט יאר, ניין הונדערט, ניין הונדערט פופציג יאר, ניין הונדערט זיבן און זעכציג - אבער ער איז אריין אין די מצודה על כל החיים, ער איז אריין אין די מצודה.

אז ער גייט אריין אין די מצודה - וואס איז אים א נפקא מינה? דער מענטש - בשעת ער גייט אריין אין די מצודה - איז אים נישט קיין נפקא מינה צו ער האט געלעבט טויזנט יאר – צו ער האט געלעבט (הונדערט צוואנציג יאר). די נפקא מינה איז נאר ווען - אז ער דרייט זיך ארום און ער געדענקט אז ס'איז דא א עלמא דאתי - אה! אים איז גוט.

---

[כ] עי' ליקו"ה בכור בהמה טהורה ה"ד, כ"ז: "וּכְבָר אָמַרְתִּי בָּזֶה דִּבְרֵי צַחוּת לְכַמָּה בְּנֵי הַנְּעוּרִים הָרוֹצִים לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ וְעַל-פִּי רֹב נוֹפְלִים בְּדַעְתָּם עַל-יְדֵי עִנְיַן הַנַּ"ל מֵחֲמַת שֶׁשּׁוֹמְעִים אוֹ רוֹאִים בִּסְפָרִים קְדוֹשִׁים כַּמָּה הֵם מַחֲמִירִים מְאֹד עַל פְּגַם כָּל שֶׁהוּא וְאָמַרְתִּי לָהֶם תֵּדְעוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁכָּתוּב בְּסֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה הַקָּדוֹשׁ וּבִשְׁאָר סִפְרֵי מוּסָר עִנְיְנֵי קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה גְּדוֹלָה אֵין הַכַּוָּנָה שֶׁאַתֶּם לֹא תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים רַק הַכַּוָּנָה כְּדֵי שֶׁתִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, הַיְנוּ שֶׁכַּוָּנָתָם לְקָרֵב וְלֹא לְרַחֵק שֶׁמַּזְהִירִים אֶת יִשְׂרָאֵל שֶׁיִּתְרַחֲקוּ אֲפִלּוּ מִפְּגַם כָּל שֶׁהוּא, כִּי בְּוַדַּאי כָּךְ רָאוּי שֶׁיִּתְנַהֵג אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי לְפִי עֹצֶם קְדֻשָּׁתוֹ מִשָּׁרְשׁוֹ, אֲבָל אַף-עַל-פִּי-כֵן אֵין כַּוָּנָתָם חַס וְשָׁלוֹם שֶׁמִּי שֶׁלֹּא עָמַד בָּזֶה וּפָגַם מַה שֶּׁפָּגַם חַס וְשָׁלוֹם שֶׁיִּתְרַחֵק וְיִפֹּל בְּדַעְתּוֹ עוֹד יוֹתֵר חַס וְשָׁלוֹם".

[כא] נפטר י"ח תמוז - ערב שבת פר' פנחס העבר.

[כב] משנה באבות פ"ג, מט"ז

[כג] עי' כוכבי אור 'ששון ושמחה' תפילה ב', שם בא"ד: "אוּן וֶוען אִיךְ זָאל זַיְין פַאר זִיכֶערְט מִיט אַלֶע אַכְצִיג יָאהְר, פְלִיעֶן זֵיי זִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּער כְּהֶרֶף עַיִן אִין אַסַאךְ פוּן זֵיי אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גֶעלָאפִין פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי זֵיי זֶענֶען גָאר נִיט גִיוֶועהְן, אוּן זֵיי וֶועלִין זִיךְ שׁוֹין צוּ מִיר גֶעווִיס נִיט אוּם קֶערִין. אוּן אַזוֹי וֵויְיס אִיךְ גֶעווִיס אַז דָאס אִיבֶּערִיגֶע וֶועט אוֹיךְ אִיבֶּער לוֹיפְן כְּצֵל עוֹבֵר, מֶע וֶועט אַזוֹי לַאנְג הַאנְדְלִין בִּיז סֶע וֶועט וֶוערִין אוֹיס טֶעג מִיט אוֹיס נֶעכְט מִיט אוֹיס יָארִין. וּבִפְרָט, וּבִפְרָט, אַז אֲפִלּוּ מִיט דֶעם בִּיסֶעל יָאהְרִין וֵויְיס אִיךְ נִישְׁט בַּא וָואס אִיךְ אַלְט אַז מֶע אִיז נִיט זִיכֶער מִיט דֶעם לֶעבִּין אֲפִלּוּ אֵיין רֶגַע, אִין בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע אִיז מֶען מוּכָן וּמְזֻמָּן אוֹיךְ צוּ וֶוערִין אַ בַּר מִינָן. הַיינְט אוֹף וֶועמִים תַּקִּיפוּת טְרֵייט אִיךְ אָפּ פוּן דִיר וֶועלִיכֶם וֶועל אִיךְ דָא גֶעווִינֶען, וֵויְיס אִיךְ דֶען נִיט אַז סֶע אִיז אִין גַאנְצִין בְּלָאטֶע מִיט בְּלָאטֶע. דֶער גְרֶעסְטֶער גְּבִיר דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹלָם־הַזֶּה־נִיק מוּז קְרִיכֶען אִין גְרוּב אוּן מוּז אָן טוּאִין תַּכְרִיכִים אוּן מוּז בַּאקוּמֶען דֶעם גֶעלִין פַּאטְרֶעט מִיט דֶער גֶעשְׁטָארְבִּינֶער צוּרָה!

אז דער רבי זאגט[כד]: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד", איז אויך פשט, ווייל אן שמחה קען מען גארנישט רירן זיך. ווייל דא רעדט מען אז מען דארף געדענקן אז מען וועט ליגן מיט די פיס צו די טיר, מען דארף היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי (וזה יכול להפיל את האדם בעצבות ח"ו, על-כן אמר רביז"ל) מוז מען זיין דערצו בשמחה תמיד.

נאר וואס דען? לערנען די עצות, דעם רבי'נס ספרים - דאס איז נישט קיין קלייניקייט!

❖❖❖

## דער אנהויב פונעם חורבן - בשעת בריאת העולם

מען האט פאר'ן רבי'ן גערעדט, אז צדיקים זענען מחבר דעם אנהויב תורה מיטן סוף תורה, זיי פלעגן מחבר זיין 'בראשית - לעיני כל ישראל', (ענה רביז"ל ואמר:) "נו, וועל איך אויך מחבר זיין!"[כה].

(מתחיל ללמוד את התורה בפנים) 'חיבור התחלת תורה בסופה!' - דערפאר ווייל מען האט פאר'ן רבי'ן גערעדט פריער - (אמר:) 'וועל איך אויך מחבר זיין!' זאגט ער א תורה.

אין די תורה ס"ז אין דעם אנדערן חלק (תניינא) הויבט אן דער רבי רעדן א שמועס, ער זאגט א מאמר, צום סוף איז ער מחבר דעם אנהויב מיטן סוף. די חסידים זאגן אמאל א 'ווארט', (אבל אצל רבינו) ניין, ער טייטשט אויס א גאנצן 'מאמר' און אין דעם מאמר רעדט זיך ארום אסאך זאכן - צום סוף איז מען מחבר די זאך מיט די תורה.

"'בראשית - לעיני כל ישראל'. כי יש ענניך דמכסין על עינא" – עס איז א לשון פון זוהר הקדוש – 'א וואלקן וואס דעקט צו די אויגן'. 'עינים' מיינט מען די בית המקדש – 'מחמד עיניכם'. 'עננין' דאס איז די קליפות 'עשיו און ישמעאל' און זיי דעקן צו 'על עינא' "שהם רומי רבתי ורומי זעירתא, כמובא".

"וזה בחינת: 'ושבו העבים אחר הגשם' - 'זה מאור עינים, שהולך אחר הבכיה'"; א מענטש אז ער וויינט, גייט אוועק די ראיה, עס ווערט אים קאליע די ראיה. "כמו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה, שעל ידי הבכי הולך ומסתלק מאור עינים".

---

[כד] ליקו"מ תניינא כ"ד.

[כה] עי' ימי מוהרנ"ת, אות ל"ט.

"וזה בחינת שקיעת האור במערב, כי במזרח חמה זורחת, ובמערב שוקעת. נמצא שמערב הוא שקיעת האור" - וואס עפעס 'מעריב'? דאס איז שוין באלד פון דעם אנהויב בריאה, אין אנהויב בריאה איז שוין געווען אין מעריב זייט שקיעת האור, און מזרח - די זריחה!?

דער רבי זאגט: "וכל זה על ידי בחינת הבכי שעל ידו מסתלק מאור העיניים כנ"ל, שזה בחינת שקיעת האור". דער רבי גייט דאך זאגן ווייטער, אז דאס איז די בכיה פון בית המקדש, די בכיה פונעם חורבן - (ולכאורה יש לדייק) דאס איז געווען שפעטער - טויזנטער יארן, און דאס איז שוין באלד ביים אנהויב פונעם ערשטן טאג - 'במזרח איז זורחת ובמעריב שוקעת!?'

נאך א זאך, ביים אנהויב בראשית (מובא בזוה"ק:) 'ויהי חושך' - דאס איז חורבן בית המקדש, 'ויהי אור' - דאס איז בנין בית המקדש. נאר עס שטייט שוין דארטן ביים אנהויב: 'תוהו ובוהו' - איז שוין דארטן דא די גלויות, די ארבע גלויות'ן. ביים אנהויב בריאה איז דאך שוין דא, בפועל ממש איז דער חורבן געווארן שפעטער טאקע, די בכיה[כ].

'מערב' איז "ר'חל מ'בכה ע'ל ב'ניה" - זאגט דער רבי דא. די שכינה וויינט אין מערב, דארטן איז דער מקום הבכיה, און דורך בכיה גייט דאך אוועק די ראיה און דארטן איז חמה שוקעת, און דאס איז טאקע (נתקיים) בפועל ממש ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן. נאר באלד פונעם אנהויב בריאה איז שוין געוועזן די זאך (בכח) אז עס וועט זיין א חורבן, עס וועט זיין א בכיה אויפן חורבן.

[כ] עי' תיקוני זוהר, תיקון ו', דף כ"ג - שאחר שרשב"י מבאר סוד מצוות שילוח הקן - שזה כדי לעורר רחמיו יתברך על שכינתו ועל בניו בגלות, וז"ל שם: "קָם רַבִּי אֶלְעָזָר וְאָמַר, וְהָא קֳדָם דְּגָלוּ יִשְׂרָאֵל וּשְׁכִינְתָּא, בְּמַאי הֲווֹ מְקַיְּימִין שִׁלּוּחַ הַקֵּן? אֲמַר לֵיהּ רַבִּי שִׁמְעוֹן, בְּרִי, בְּגִין לְאַתְעָרָא רַחֲמִין עַל אִינּוּן נַפְשִׁין וְרוּחִין וְנִשְׁמָתִין, דַּהֲווֹ אָזְלִין בְּגָלוּתָא בְּגִלְגּוּלָא מִתְתַּרְכִין מִגּוּפֵיהוֹן דְּאִתְחַרְבוּ, דַּעֲלַיְיהוּ אִתְּמַר דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא הֲוָה בּוֹנֶה עָלְמִין וּמַחֲרִיבָן, דְּאִשְׁתָּאֲרוּ חֲרֵבִין גּוּפֵיהוֹן מִנַּיְיהוּ, וּמְנִיעוּ דְּבִרְכָאָן לְעֵילָא גָּרִים וְנָהָר יֶחֱרַב וְיָבֵשׁ, וְהָכִי אוּקְמוּהוּ אִתְחֲרַב בַּיִת רִאשׁוֹן וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ. אִתְחֲרַב בַּיִת שֵׁנִי וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם, וּבְגִין אִלֵּין נִשְׁמָתִין דְּאִתְבְּרִיאוּ קֳדָם דְּאִתְבְּרֵי עָלְמָא וְלֵית לוֹן גּוּפִין, בְּגִין לְאַתְעָרָא רַחֲמֵי עֲלַיְיהוּ, הֲווֹ מְקַיְּימֵי הַאי פִּקּוּדָא". [בתרגום ללשה"ק] קָם רַבִּי אֶלְעָזָר וְאָמַר: וַהֲרֵי קֹדֶם שֶׁגָּלוּ יִשְׂרָאֵל וְהַשְּׁכִינָה, בַּמֶּה הָיוּ מְקַיְּמִים שִׁלּוּחַ הַקֵּן? אָמַר לוֹ רַבִּי שִׁמְעוֹן: בְּנִי, כְּדֵי לְעוֹרֵר רַחֲמִים עַל אוֹתָן נְפָשׁוֹת וְרוּחוֹת וּנְשָׁמוֹת שֶׁהָיוּ הוֹלְכוֹת בַּגָּלוּת בְּגִלְגּוּל, מְגֹרָשׁוֹת מִגּוּפֵיהֶם שֶׁנֶּחֶרְבוּ, שֶׁעֲלֵיהֶם נֶאֱמַר שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָיָה בּוֹנֶה עוֹלָמוֹת וּמַחֲרִיבָן, שֶׁנִּשְׁאֲרוּ חֲרֵבוֹת גּוּפוֹתֵיהֶם מֵהֶם, וּמְנִיעַת הַבְּרָכוֹת לְמַעְלָה גָּרְמָה, וְנָהָר יֶחֱרַב וְיָבֵשׁ. וְכָךְ פֵּרְשׁוּהוּ, נֶחֱרַב בַּיִת רִאשׁוֹן - וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ. נֶחֱרַב בַּיִת שֵׁנִי - וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם. וּבִשְׁבִיל הַנְּשָׁמוֹת הַלָּלוּ שֶׁנִּבְרְאוּ קֹדֶם שֶׁנִּבְרָא הָעוֹלָם וְאֵין לָהֶם גּוּפוֹת, כְּדֵי לְעוֹרֵר עֲלֵיהֶם רַחֲמִים הָיוּ מְקַיְּמִים אֶת הַמִּצְוָה הַזּוֹ.

איז שוין געווען - פונעם אנהויב האט שוין דער אויבערשטער געפירט - אז 'במזרח חמה זורחת און במערב חמה שוקעת'.

❖

## 'חצות' - אבי נישט שלאפן!

מען זעהט ארויס טאקע, אז מיר זאגן דעם ענין פון חצות אויפן חורבן בית המקדש. מיר זעהען דאך אבער, אז מען רעכנט אויס ביי 'ויהי בחצי הלילה'; אין מצרים איז חצות אינגאנצן 'וה' הכה כל בכור', און ביי אבימלך דארטן, ביי פרעה, סנחריב, און אלעם - זעהט מען דאך אז דער בחצי הלילה, דער חצות - נאך איידער עס איז געווארן א בית המקדש איז שוין געוועזן א ענין פון בחצי הלילה!

זעהען מיר דאך, אז די זאך פון חצות - וויבאלד דער זמן איז אזא הייליגער זמן, אזוי פיל ניסים איז געטוהן געווארן אין דעם זמן, דערפאר טאקע דארף מען אין דעם זמן בעטן אויפן בית המקדש אויך.

דער בית המקדש איז חרוב, אידן דארפן דאך זעהן צו קלאגן אויפן בית המקדש - (לכן) איז שוין דער זמן מסוגל אז מען זאל וויינען אויפן בית המקדש אויך. אבער דער גודל קדושת הזמן איז נישט געווארן בשעת דער בית המקדש איז געווארן חרוב, נאר באלד פון דעם אנהויב בריאה אן איז שוין געוועזן דא אזא מין סארט זמן וואס דער זמן איז א הייליגער זמן, דער זמן האט געטאן נסים צו אידן, זיי געראטעוועט אין דעם דור - אין דעם דור, אזא זמן איז דא! און דעם זמן זאל מען אויסנוצן היינט אויף וויינען אויפן בית המקדש אויך.

למשל 'שבת' - 'שבת' איז אויך דא א ענין פון חצות. שבת זאגט מען דאך נאר תיקון לאה, אפאר קאפיטלעך תהלים, שבת זאגט מען דאך נישט על נהרות בבל - איז דאך שבת נישטא דער ענין פון קלאגן אויף חצות. אבער דער זמן איז א זמן, די קדושת הזמן איז נישט קיין נפקא מינה פון שבת ביז יו"ט - ביז אינמיטן די וואך. נאר אינמיטן די וואך נוץ איך אים אויס אויף דער זאך (לקונן על החורבן).

דער זמן איז א הייליגער זמן, אז א מענטש דארף האבן עפעס א בקשה צום אויבערשטן - נוץ אים אויס אין דעם זמן, דאס איז א הייליגער זמן, דאס איז א עת רצון!

אונזער נפש דארף האבן א הצלחה, א סגולה, א הצלחה דארף ער האבן. על-פי-טבע איז אים זייער שווער מען זאל אים אויסהיילן אינגאנצן, זוכט מען זיך עצות מיט סגולות, איז דא א סגולה אין דעם זמן - דער זמן איז עפעס א סגולה, א עצה, א הצלחה, ער קען האבן א הצלחה!

איז נאר די קשיא, וואספארא נפקא מינה? אזוי שלאפט ער ביינאכט נאר עטליכע שעה, ער שטייט אויף - איז ער שלעפעריג, נאכדעם עס קומט צום דאוועגען איז נישט אזוי, ער דארף זיך צולייגן, א גאנצער געשעפט און גאנצע חשבונות, (וא"כ) זאל ער שלאפן נאך צוויי שעה, אויפשטיין א פרישער, א לעבעדיגער?!

אסאך האבן טאקע געוואלט אזוי זאגן, נאר דאס איז אלץ אז איך רעד מיט מיין שכל, אבער אז איך דארף האבן הצלחה, מיין נפש דארף האבן הצלחה, ער דארף האבן עפעס א זמן (מיוחד), עפעס א סגולה – אויב הצלחה מוזטו נעמען די הצלחה! נאכדעם קען ער מצליח זיין. הצלחה איז שוין א אנדער זאך, עס איז נישט קיין דרך הטבע, א הצלחה!

וואס איז א מוצלח? דער טוט און דער טוט, דער איז א מוצלח און דער איז נישט קיין מוצלח, דער ארבעט נאך מער פון אים און ער האט נישט קיין הצלחה.

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א זמן - פיר און צוואנציג שעה, און ער האט אונז געשענקט אז אין דעם זמן (פון חצות) איז א הצלחה, און וואס דער מענטש וועט טאן אין דעם זמן איז נישט קיין נפקא מינה - אבי נישט שלאפן, וואס דו וועסט טאן! מען קען נישט פרעגן אויך; דער האט התבודדות, דער לערנט! דער זינגט, דער טאנצט, דער שפרינגט, אבי נישט שלאפן דעמאלט, פארוואס? עס איז א זמן פון הצלחה - היט אפ דעם זמן!

א מענטש דארף דאך האבן הצלחה, אז דו וועסט אויסנוצן די זמנים המסוגלים להצלחה וועסטו טאקע האבן הצלחה, כאטש על פי טבע קענסטו נישט דערלאנגען דיין נפש צו פאררעכטן אים ווי אזוי מען דארף אים פאררעכטן, אבער הצלחה!

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן מקיים זיין וואס מען זאגט, מיר זאלן מקיים זיין וואס מען רעדט, מיר רעדן דאך צווישן חברים, מען רעדט איינער מיטן אנדערן, מען וויל איינער דעם אנדערן עפעס א טובה טאן, עפעס רעדן!

מיר דארפן אלע האבן הצלחה, די וועלט איז נישט קיין אייביגע וועלט, דארף מען אפזוכן זמנים פון הצלחה, זיין עפעס א מוצלח, דארטן איז אויך דא הצלחה; 'אה ער האט געכאפט א הצלחה אין דער וועלט, ער האט געכאפט גוטע צייטן, ער איז געווען א מוצלח' - דארטן איז מען זיך מתחשב דערמיט, מען איז זיך מתחשב - ער האט אפגעהיט - דעם הצלחה'דיגן זמן האט ער אפגעהיט, איז מען זיך אנדערש מתחשב, מוז מען אים געבן, האט ער דארטן אויך הצלחה!

❖

## דריי אזייגער

(השואל: מען דערציילט אז דער רבי האט געזאגט איינעם, דיין חצות וועט זיין דריי אזייגער![כז])

דער ר' בער איז געווען א קראנקער מענטש, ער האט געליטן אויפן קאפ, אויף דעם ר' בער האט דער רבי געזאגט: "ער האט אזוי מורא פונעם אויבערשטן, אזוי ווי איינעם וואס מען לייגט אים גנאטע!" - 'גנאטע' הייסט אין רוסלאנד 'שמייסן'.

אין רוסלאנד - אז דער רוסישע קיסר האט געגעבן איינעם א זעלנער שמיץ, האט ער געקענט געבן קולות עד לשמים, שפאלטן דעם הימל. דארטן האט מען דאך מורא געהאט פאר די שמיץ - האט דער רבי געזאגט: 'ער האט אזוי מורא פארן אויבערשטן, אזוי ווי דער וואס האט מורא פאר שמיץ' - האט דער רבי אויף אים געזאגט, אויף דער ר' בער. נו, פארשטייט מען דאס אייגענע, אז ר' בער איז געווען אזא מין ירא.

ר' נתן דערמאנט טאקע אין די מכתבים, דערמאנט ער ר' בער'ן - 'הירא וחרד'[כח] -

---

[כז] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן כ"ג: ר' דֹּב הַנַּ"ל הָיָה רוֹצֶה לָקוּם בַּחֲצוֹת וְהָיָה מְצַוֶּה לְנָכְרִי לְהָקִיץ אוֹתוֹ, וּכְשֶׁהֱקִיצוֹ הַנָּכְרִי וְהָלַךְ לוֹ שׁוּב הָיָה יָשֵׁן. וְרָאָה כִּי זֹאת אֵינוֹ עֵצָה, עַל כֵּן נִתְיַשֵּׁב בְּדַעְתּוֹ וְצִוָּה לְהַנָּכְרִי שֶׁלֹּא יֵלֵךְ מִמֶּנּוּ עַד שֶׁיָּקוּם מִמִּטָּתוֹ וְיִלְבַּשׁ אֶת עַצְמוֹ בְּמַלְבּוּשׁוֹ, וְכֵן עָשָׂה. וּמֵחֲמַת זֶה נִתְבַּלְבֵּל קְצָת וְהָיָה לוֹ כְּאֵב רֹאשׁ וְהָיָה לוֹ יִסּוּרִים גְּדוֹלִים מַמָּשׁ שֶׁכִּמְעַט שֶׁיָּצָא מִדַּעְתּוֹ. וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁנִּתְקָרֵב לַאַדְמוֹ"ר זַצַ"ל הִתְנַצְּלָה אִמּוֹ לִפְנֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עָלָיו עַל שֶׁנִּתְבַּלְבֵּל מִמִּעוּט הַשֵּׁנָה, וְאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זַצַ"ל: שְׁלָאף אוּן עֶס נָאר הִיט דִּי צַייט (תִּישַׁן וְתֹאכַל רַק תִּשְׁמֹר אֶת הַזְּמַן), וּלְאַחַר זְמַן תָּבֹא עוֹד הַפַּעַם אֵלַי וְתִשְׁאַל מִמֶּנִּי אֵיךְ לְהִתְנַהֵג (וְכֵן הָיָה). וְאָמַר לוֹ אָז שֶׁיָּקוּם בְּכָל לַיְלָה בְּשָׁעָה שָׁלֹשׁ, וְאָמַר לוֹ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: דַּיין חֲצוֹת וֶועט זַיין דְּרַיי אַזֵייגֶער (זְמַן חֲצוֹת שֶׁלְּךָ יִהְיֶה בְּשָׁעָה שָׁלֹשׁ), וְכֵן הֲוָה, וְהָיוּ אַנְשֵׁי הַבֵּית הַמִּדְרָשׁ שֶׁהָיוּ נֵעוֹרִים יוֹדְעִים כְּשֶׁר' בֶּער הוֹלֵךְ אָז הִיא שָׁעָה שָׁלֹשׁ. רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר עָלָיו שֶׁהוּא יָרֵא כָּל־כָּךְ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ שֶׁמַּנִּיחִים אֵצֶל הָרוּסִישֶׁען צוּ שְׁמַייסִין (כְּמוֹ שֶׁמַּנִּיחִים אֵצֶל הָרוּסִים לְהַלְקוֹת).

[כח] עלים לתרופה, מכתב רפ"ז: ספר עלים לתרופה - מכתב רפז: "וְשָׁלוֹם רַב לְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וּבִפְרָט לִידִידִי הַיָּשִׁישׁ הַוָּתִיק יְרֵא ה' מֵרַבִּים מוֹרֵנוּ הָרַב דֹּב בֶּער נֵרוֹ יָאִיר".

געוועגטליך (פארשטייט זיך) האט ער דאך געוואלט אויפשטיין חצות, איז געקומען צו גיין די מוטער זיינע צום רבי'ן: 'רבי ער ליידט אויפן קאפ, ער שטייט אויף בייגאכט און' (- זה מזיק לו), האט דער רבי אים געזאגט: "דיין חצות וועט זיין דריי אזייגער!".

און ווידער - נאך א זאך, ער איז דאך געווען אן אמת'ער מענטש, ער האט זיך נישט געלאזט נארן, אז דער רבי האט אים געזאגט - האט דער רבי געזעהן אז ער קען טאקע נישט, שוין - באמת געווען א חולה, מען מוז דאך אפהיטן דעם געזונט.

❖

# אינם על מקומם

(ממשיך ללמוד בפנים) "השכינה בוכה ומיללת כביכול על ישראל, בחינת 'רחל מבכה על בניה מאנה להנחם על בניה כי איננו'", זאגט דער רבי, "שהיא בוכה על צרת ישראל המפוזרים בגוים ואינם על מקומם". 'ואינם על מקומם' - אונזערע לייט פלעגן דא מדייק זיין, וואס הייסט 'ואינם על מקומם'? זי לאזט זיך נישט טרייסטן 'על בניה כי איננו' - אזוי שטייט. דער פסוק איז דאך אין ירמיה, 'מאנה להנחם על בניה כי איננו', זאגט דער רבי (הוא מוסיף לפרש): 'ואינם על מקומם'!?

נאר דאס קלאגט די שכינה הקדושה - וואס יעדער איינער איז נישט אויף דעם פלאץ וואו ער דארף זיין! נישט יעדערער האט א מקום. [פארוואס הייסט דער אויבערשטער 'מקום'? דער אויבערשטער הייסט מקום, (כי הוא) 'מקומו של עולם'!].

אז מען איז מקושר מיט דעם אויבערשטן - דאס הייסט א מקום, דאס איז א מקום! און אז מען האט נישט אינזינען דעם אויבערשטן, איז עס גאר קיין מקום נישט. 'מקום' מיינט מען דעם אויבערשטן - אט דאס הייסט א מקום. 'הקובע מקום לתפילתו' - וואו עס שטייט ערגעץ מקום, ער האט א קביעת מקום - איז אליץ קדושה, אלקות, דאס הייסט א קביעת מקום. די שכינה קלאגט (על האדם), אז ער איז נישט אויף דעם ארט וואו ער דארף זיין! - איז דאס קלאגט די שכינה 'ואינם על מקומם' - אז מיר זענען נישט אויף דעם מקום וואו מען דארף זיין.

יעדער איינער האט דאך א מקום, די שכינה הקדושה - די אלע נשמות ישראל איז דאך אליץ די שכינה הקדושה - יעדערער האט דאך עפעס א מקום, יעדער איינער אין זיין ערך - און ער איז נישט אויף דעם ארט וואו ער דארף זיין.

יעדער איינער - ער ווייס נישט דעם מקום וואס ער דארף זיין, נאר וואס דען? אז ער ווייס פון די דיבורים וואס דער רבי וועט רעדן ווייטער, ער ווייס פון די אלע זאכעגישן, און דער עיקר וואס מען האט גערעדט פריער - א מענטש איז מקורב צו חצות, שענקט אים דער אויבערשטער א מתנה, אז ער זאל זיך צובייגן צו זיין מקום וואו ער דארף! כאטש ער ווייס נישט, מען האט אים נישט מודיע געווען.

אזוי ווי ביי צדיקים - וואס זיי זענען גאר געוואלדיג גרויס, דאס וואס בלייבט איבער א בחירה פאר אים - זאגט מען אים אויך נישט אויס, יעדער איינער באזונדער (אצל הצדיקים) - זיין בחירה הויבט זיך אן אין א הויכער סארט אופן - אזוי ווי דער רבי זאגט אין די תורה פון 'הוסיף יום אחד מדעתו'[כט], אבער ער האט דאך אויך א בחירה דארטן וואו ער דארף מאכן א תוספות קדושה. אזוי אויך יעדער איינער האט דאך - דארט וואו מען וויל פון אים - דארט זאגט מען נישט אויס.

❖

## עיקר הנסיון של יוסף הצדיק

אז דער אויבערשטער האט געפרואווט יוסף הצדיק האט ער דאך אים נישט אויסגעזאגט, אז ער זאל אים ווען אויסזאגן איז דאך עס נישט קיין נסיון, די רגע (בשעת נסיון) נעמט מען ביי אים צו (אלע מדריגות)[ל], נאר וואס דען? די רשימו פון פריער וואס ער האט אין זיך און די אלע נקודות טובות, העלפט אים אז בשעת מעשה זאל ער האבן כוחות כאטש מען זאגט אים נישט אויס, ער זאל קענען עומד בנסיון זיין.

פרעגט זיך די קשיא, דער רבי ברענגט דאך עס[לא], יוסף הצדיק איז פון די צדיקים, עס קערט זיך איבער אויף דעם יוסף הצדיק, 'נזדמן לו דמות דיוקנו של אביו', עס האט זיך אים דארטן דערזעהן דעם טאטן, פרעגט זיך א קשיא, אזא הייליגן טאטן יעקב, ווער וועט טאן אן עבירה אז מען זעהט אזא הייליגן טאטן פאר זיך? וואספארא נסיון איז דאס? וואספארא שבח איז דאס? - 'יוסף צדיקיא' עס קערט זיך די וועלט! ער האט

---

[כט] ליקוטי מוהר"ן ק"צ

[ל] עי' ליקו"ה נשיאת כפים ה"ו, אות ח': "וזה עיקר הנסיון שלו וכן של כל הצדיקים. וכמו ששמעתי מפיו הקדוש שבשעת הנסיון של כל האדם, אין האדם בדעתו בשלימות בענין הנסיון כי אם היה דעתו שלם בזה, לא היה לו נסיון כלל!".

[לא] עי' ליקוטי מוהר"ן ע"ב.

דערזעהן דעם טאטן, אז ער האט דערזעהן דעם טאטן - איז ער אוועק, ווער וועט נישט טאן אזא מין זאך?

פלעגן אונזערע לייט דאס טייטשן, עס שטייט דאך נישט אז ער האט געזעהן דעם טאטן, נאר א 'דמות דיוקנו של אביו'. יוסף איז דאך יעקב'ס א קינד, אבער בשעת ער איז געקומען קיין מצרים - אז ער האט פארגעסן אינגאנצן אז ער האט א טאטע יעקב, ער פארגעסט אינגאנצן - אז דעמאלט זאל זיך אים מזדמן זיין דעם דמות פונעם טאטן, איך האב אזא טאטן - צו דעם דארף מען זיין יוסף!

און דער בעל דבר טוט אנדערש, בשעת מעשה פארגעסט ער אז ער איז נכשל געווארן אין א עבירה - נאכדעם דערמאנט ער אים: 'אוי, אזא טאטע און האסט געטוהן אן עבירה!' ער וויל אים אראפווארפן, דערמאנט ער אים שפעטער. וואס איז אבער דער כח פון יוסף'ן? ער האט זיך דערמאנט בשעת - פריער האט ער זיך דערמאנט - 'איך האב דאך אזא טאטן, יעקב איז דאך מיין טאטע, ווי קען איך טאן אזא מין זאך?!' 'נזדמן לו' - עס האט זיך אים מזדמן געווען דער דמות פון טאטן 'איך האב דאך אזא טאטן יעקב!'

דאס איז ביי יעדן איינעם: א קוק, א טראכט, א וואס - איך ווייס דארטן - דערמאן זיך - 'געוואלד! דו ביסט דאך א ברסלב'ער חסיד, אנגערופן אויף דעם נאמען פונעם רבי'ן!' - בדרכי ה' מעג מען יא האבן אין זיך א גבהות לב - 'מיר שטייט אן אזוי צו טאן?! מיר שטייט אן אזוי צו פירן זיך?! איך בין דאך עפעס דער און דער, ווי שטייט מיר אן?'[לב]

---

[לב] עי' ליקו"ה ברכת השחר ה"ג, אות ה-ו: "כִּי אֵין זֶה דֶּרֶךְ הָעֲנָוָה הָאֲמִתִּיִּית שֶׁיַּחֲזִיק אֶת עַצְמוֹ לְרָשָׁע גָּמוּר ח"ו, וּלְהַקְטִין מַעֲלַת נַפְשׁוֹ הַקְּדוֹשָׁה רַק, אַדְּרַבָּא, צָרִיךְ לֵידַע וּלְהַאֲמִין שֶׁנַּפְשׁוֹ בְּשָׁרְשָׁהּ הִיא גְּדוֹלָה וִיקָרָה וְגָבֹהַּ מְאֹד מְאֹד וְאַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רִבְבוֹת עוֹלָמוֹת בְּלִי שִׁעוּר תְּלוּיִים בָּהּ... וַאֲפִלּוּ נֶפֶשׁ הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים שֶׁל יִשְׂרָאֵל גַּם כֵּן גָּבֹהַּ מְאֹד מְאֹד... עַל-כֵּן הָאָדָם הַבַּר שֵׂכֶל כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַבַּעַל דָּבָר בְּיוֹתֵר צָרִיךְ לֵידַע שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ לוֹ נֶפֶשׁ גָּבֹהַּ מְאֹד מְאֹד וְצָרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר לְרַחֵם עַל עַצְמוֹ וְכוּ'... וְזֶה בְּחִינַת (דִּבְרֵי הַיָּמִים ב' י"ז) וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה' שֶׁצְּרִיכִין לְהַגְבִּיהַּ לִבּוֹ וְדַעְתּוֹ בְּדַרְכֵי ה' וְלוֹמַר בְּנַפְשׁוֹ שֶׁאֵין נָאֶה לִי לַעֲשׂוֹת מַעֲשִׂים כָּאֵלֶּה מַעֲשֵׂה בְּהֵמָה ח"ו, כִּי נַפְשִׁי גָּבֹהַּ מְאֹד נֶפֶשׁ יִשְׂרָאֵל שֶׁכֻּלָּם בְּנֵי מְלָכִים וְרָאוּי לִי לְהִתְנַהֵג בְּנִימוּסֵי הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. ושם להלן הוא כותב בא"ד: וְזֶה שֶׁאָמַר דָּוִד ( תְּהִלִּים פ"ו), "שָׁמְרָה נַפְשִׁי כִּי חָסִיד אָנִי" כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ד') וְכֵן אִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת בָּלָק שֶׁדָּוִד קָרָא לנפשי' חָסִיד בְּגִין דאיצטרך לי' לְבַר נָשׁ דְּלָא לשוואה גרמי' רשע וְכוּ', הַיְנוּ כַּנַּ"ל, שֶׁזֶּה בְּחִינַת וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה', כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל (בְּסִימָן קכ"ה בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא) כִּי צָרִיךְ לֵידַע מַעֲלַת נַפְשׁוֹ בְּשָׁרְשָׁהּ".

עס שטייט דארטן ביי יהושפט: 'ויגבה לבו בדרכי ה'"[לג] - אין דרכי ה' מעג מען האבן (גבהות הלב) - נישט לאזן זיך פארפירן, נישט לאזן זיך אראפווארפן, נישט לאזן זיך רח"ל אריינפאלן - וואס מען דארף זיך היטן. מען מעג ארויסנעמען א גבהות לב, 'מיר שטייט נישט אן, איך בין פון די שבטי י-ה, איך בין פון די שבעים נפש של בית יעקב, מיר שטייט נישט אן אזוי צו טאן' - דאס הייסט א גבהות לב, אבער 'בדרכי השם'!

נאר וואס דען, אז דער אויבערשטער העלפט, אז בשעת מעשה דעמאלט איז זיך מזדמן דמות דיוקנו של אביו, דאס איז דער שבח פון יוסף'ן, עס האט זיך אים מזדמן געווען דער טאטע בשעת ער האט באדארפט, 'אה, איך האב אזא טאטן, איך קען נישט! איך טאר נישט!'

❖

רבי נתן ברענגט אין א מכתב[לד]: אויף אייך איז געזאגט געווארן, 'לרגעים תבחננו', אייך פרואווט מען מיט א רגע! מען פרואווט אייך מיט א רגע. 'א קוק' איז א רגע, אויב איך טוה נישט דעם קוק, האב איך עומד בנסיון געווען, א נסיון פון א רגע, איך האב נישט געקוקט, האב איך עומד בנסיון געווען אויף א רגע, איז דאס א שבח.

די גדולים פרואווט מען מיט א טאג, מיט א יאר, אבער אונז פרואווט מען מיט א רגע, 'יא רעדן דעם דיבור - נישט רעדן, יא טראכטן - נישט טראכטן, יא קוקן - נישט קוקן' - א רגע, דאס איז אויך א נסיון, ווארום די רגע אז עס גיט א קום אן א רגע, איז אזא מין ברענונג, אז ער וועט גארנישט אויסהאלטן, ער וועט גאר גיין פון די וועלט טאמער ער וועט נישט - ער האט דאך א כח (היצר הרע), מען פרואווט אייך מיט א רגע! און די רגע דארף איך אויסנוצן אלע כוחות פון קדושה, 'געוואלד - איך בין דאך א ברסלב'ער חסיד, איך בין דאך אזוי, איך בין אזוי, אלעס!' איך זאל עומד בנסיון זיין די רגע!

❖

[לג] דברי הימים-ב יז, ו.

[לד] עי' עלים לתרופה מכתב צ"ב; "...וְזֹאת תִּזְכֹּר מַה שֶּׁדִּבַּרְנוּ בְּסָמוּךְ מִפָּסוּק (אִיּוֹב ז') "לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ", כִּי כֵּן הוּא הָאֱמֶת שֶׁהָאָדָם נִבְחָן בְּנִסְיוֹנוֹת בְּכָל רֶגַע, וְאֵין רֶגַע דּוֹמֶה לַחֲבֶרְתָּהּ, עַל כֵּן בְּכָל רֶגַע יְכוֹלִין לִזְכּוֹת הַרְבֵּה וְלַחֲטֹף טוֹב הַרְבֵּה וְלִבְרֹחַ מֵרַע הַרְבֵּה הַמִּתְגַּבֵּר וּמִתְעוֹרֵר בְּכָל רֶגַע, כִּי אֲנָשִׁים כְּעֶרְכְּכֶם הַמִּלְחָמָה הִיא בְּכָל עֵת וָרֶגַע מַמָּשׁ, וּבִפְרָט בְּעִנְיַן הַהַשְׁלָכָה וְהַנְּפִילוֹת רח"ל שֶׁרוֹצֶה לְהַשְׁלִיךְ וּלְהַפִּיל אֶת הָאָדָם בְּכָל עֵת, וּצְרִיכִין הִתְחַזְּקוּת הַרְבֵּה וְהִתְעוֹרְרוּת הַרְבֵּה בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה, וְלִפְעָמִים בְּכָל רֶגַע ..."

# און דו בן מלך, קום לאמיר אהיים פארן!

(השואל: ווער האט געזאגט דעם פשט דארטן ביי די מעשה פון מלך וקיסר[לה], אז זי האט אים געזאגט: 'ווארט ביז איך וועל מיט דיר חתונה האבן כדין'?) יא יא, איך האב דאך אין אומאן געהערט לערנען ספורי מעשיות! (השואל: ר' אברהם פלעגט עס לערנען פארן עולם?) ניין, איך האב עס געהערט אין אומאן.

[א גמרא איז דא[לו], אז ר' אלעזר, ר' יוחנן'ס א תלמיד, האט אמאל געזאגט א מימרא פון ר' יוחנן און ער האט נישט דערמאנט ר' יוחנן, האט ר' יוחנן געהאט זייער א הקפדה, עס איז געקומען דארטן דער, דער, ביז איינער איז געקומען האט ער אים אזוי געזאגט: עס שטייט דארטן ביי יהושע'ן, אז יהושע האט געזאגט 'כאשר ציווה ה' את משה', עס שטייט אומעטום 'כאשר ציווה ה' את משה'? נאר אלע האבן געוואוסט אז וואס יהושע זאגט איז אלץ וואס 'ציווה ה' את משה!'. דאס איז אויך דאס אייגענע, אז מיר זאגן נאכאמאל א ווארט - אז מען האט עס געהערט אין אומאן שטאמט עס פון א גוטן פלאץ.]

אז די בת קיסר, עס איז געקומען דארטן דער - פריער איז געקומען דארטן דער בן הסוחר, האט ער געוואלט זי נעמען, עס איז געקומען דער, האט זי אלץ געזאגט 'ווארט צו, ווארט צו', ביז מען וועט זיך קענען, וואס איז דער 'ווארט צו'? נאר אז זי וויל אפשטופן אים: 'איצטער נישט, ווארט אביסל צו', ווארט אביסל צו, מען וועט קומען אהיים חתונה האבן כדת וכדין.

זי האט דאך געזעהן אז ער האט געוואלדיגע כוחות און זי קען אים נישט זאגן מיטן מויל, ניין! זאגט זי אים: 'יא, גאנץ גוט, אבער ווארט צו', ווארט צו! שפעטער, נישט איצטער! -

א דבר שבקדושה דארף מען זאגן - 'שוין!' ווארף נישט אפ אויף שפעטער, שוין!

מען האט איר געוואלט טאן און טאן און טאן, און מיט וואס איז זי ניצל געווארן? טאקע דער ערשטער בן המלך, ער איז געקומען טאקע: "און דו בן מלך קום אהער,

[לה] ספה"ק סיפו"מ, מעשה ב' מהמלך והקיסר

[לו] יומא צו:

לאמיר אהיים פארן. האבן זיי זיך אומגעקערט אהיים", נאר מיט דעם כח פון ווארט צו! ווארט צו!

(ר' משה בינענשטאק: ווען האט ר' נתן געזאגט מען זאל עס דערציילן? פאר די הסתלקות?) ר' נתן האט געהייסן ליינען פאר זיך 'צוויי מעשיות' פאר די הסתלקות, איידער ער איז נסתלק געווארן - עס שטייט דאך דארט אין מכתב[לז] - מעשה א' וב', האט מען געליינט פאר אים די צוויי מעשיות. און דארטן לאזט זיך אויס: 'און דו בן מלך קום אהער, לאמיר אהיים פארן!' האט ער געהייסן איבער חזר'ן נאכאמאל, יענער זאל איבער'חזר'ן, דער וואס האט געליינט דארטן די מעשיות, האט ער נאכאמאל איבערגעזאגט, 'און דו קום אהער לאמיר אהיים פארן!'

מען רעדט דאך דערפון - יעדן דיבור פונעם רבי'ן (גודל עמקותו), ווער שמועסט נאך פון די מעשיות, דער רבי האט געזאגט א מאמר: 'אז תורות העלפן שוין נישט, וועל איך אנהויבן דערציילן מעשיות!'[לח]. עס איז עפעס א געוואלדיגע זאך די סיפורי מעשיות, עפעס א קליינקייט?! איז אז מען ליינט, איז יעדער דיבור - עס איז א געוואלדיגע זאך.

דער אויבערשטער העלפט אז מיר ליינען דא שבת, פאלט אריין אמאל א געדאנק, איז אריינגעפאלן שבת א געדאנק אריין, מען דערמאנט זיך אז עס קומט צו גיין א שידוך, עס איז אלץ פאלשע שידוכים, דער אמת'ער שידוך איז נאר געווען די בת קיסר מיטן בן המלך, דאס איז דער אמת'ער שידוך. און עס איז דא אלע מאל נייע שידוכים, א בן הסוחר, דא א שיף מיט סחורה, און ווייטער - א מלך, אלץ נייע שידוכים, און זי ווייסט אז דאס איז אלס פאלשע שידוכים, דאס איז נישט דער שידוך, דער יחוד - וואס דערין הענגט אן דער תיקון העולם, און וואס זאל זי טאן? שטופט זי אפ אויף שפעטער, פארקערט זי זאגט יענעם: איך פריי זיך, אבער שפעטער, מיט דעם 'שפעטער' העלפט דער אויבערשטער, כל ימי חייו ווערט ער ניצל, און גייט אהיים...

דאס איז א געוואלדיגע עצה אין אידישקייט, 'יא, אבער נישט איצטער, שפעטער!'[לט]

---

[לז] מכתב הסתלקות נדפס בסוף ספר עלים לתרופה.

[לח] הקדמת ספר סיפורי מעשיות (הקדמה א').

[לט] עי' ליקו"ה גזילה ה"ה, אות ז': "כָּל הָעֲבֵרוֹת וְהַפְּגָמִים שֶׁל כָּל בַּעֲלֵי עֲבֵרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, נִמְשָׁךְ רַק מִבְּחִינַת דּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַמְתִּין כִּי 'אֵין הַיֵּצֶר הָרָע מָצוּי אֶלָּא לִשְׁעָתוֹ', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וְאִם הָיָה מַמְתִּין אֵיזֶה

# ארייַנשיינען אין אנדערע

דעם רבי'נס זאך איז געווען (ארייַנשיינען אין אנדערע), מיר האבן עס געזעהן אויך. עס איז געווען דער טשעהרינער רב, ער איז געווען א צדיק ולמדן, ער האט געהאט אביסל א זאך וואס ער איז געווען א צדיק נסתר, ער איז געווען פארשלאסן, ער האט מיט קיינעם נישט גערעדט - ער איז געווען א צדיק א קדוש א געוואלדיגער 'הצנע לכת' א הנהגה 'בלתי לה' לבדו' – אונזערע לייט האבן געהאלטן אז ווערליג ער האט געהאט אין זיך אזויפיל פנימיות וואלט ער ווען געקענט ארויסגעבן, מחיה זיין יענעם.

איך האב געהערט דערציילן אמאל, זיי האבן געזאגט דארטן, ר' מרדכי באברינצער, אז ער איז געקומען אויף ראש השנה קיין אומאן - דער טשעהרינער רב, ער האט געהאט דארטן זיין אכסניה, און ראש השנה האט ער אויך נישט געוואלט רעדן, איז געקומען אונזערע מענטשן דארטן, ארייַנגעקומען אין זיין אכסניה – 'רב איר מוזט [רעדן]', מען האט אים צוגעשטעלט צו די וואנט און ער האט געמוזט זאגן! האט ער געזאגט, איז געווען וואס צו הערן!

געוואלד געוואלד, איר האט אין זיך אזוי פיל זאכן, רעדט ארויס! רעדט!

עס שטייט דאך אין זוהר פון לך לך[מ], מיר האבן שוין כמה מאל גערעדט דעם זוהר, אז ר' אבא איז געווען דארטן אין א דארף 'כפר טרשא', [דער זוהר האט א שייכות צו א ברית], עס איז געווען צדיקים נוראים, אלע בעלי רוח הקודש - אלע געווען, און ר' אבא איז געווען דארטן אין די נאכט פון דעם ברית, און אלע האבן געזאגט געוואלדיגע השגות אלקות, א געוואלד!

אינדערפרי איז געווען דער ברית, א פייער האט ארומגענומען דעם חדר פון דעם ברית. עס איז געווען - יענע מענטשן געווען, אה 'מלאכים שרפים', אז ר' אבא איז געקומען צו ר' שמעון'ען, האט ער דריי טעג נישט דערציילט ר' שמעון'ען וואס ער האט דארטן געהערט, ער האט מורא געהאט צו דערציילן אז ר' שמעון זאל אים נישט מעניש זיין, (אחר כך) האט ער דערציילט. (האט אים ר' שמעון פארגעהאלטן:) 'האסטו געהאלטן דריי טעג אין זיך, דו האסט נישט געזאגט? אל תמנע טוב מבעליו! האט ער

---

שָׁעָה הָיָה זוֹכֶה בָּעוֹלָם הַזֶּה וְעוֹלָם הַבָּא. וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: "אוֹתָן מַצָּעוֹת שֶׁהִצִּיעָה לוֹ בְּאִסּוּר הִצִּיעָה לוֹ בְּהֶתֵּר וְכֵן הַרְבֵּה".

[מ] דף צו.

אים געגעבן אן עונש, אז דרייסיג טעג 'תלעי ותנשי' - דו זאלסט זיך מאטערן אין תורה און דו זאלסט פארגעסן, תלעי ותנשי.

האסט געהאלטן אין זיך דריי טעג אזעלכע זיסע השגות אלקות, אזעלכע זאכענישן? אל תמנע טוב מבעליו! פארוואס האסטו נישט דערציילט באלד? דאס איז ר' שמעון, אן זיינע חידושים האט ער אויך געהאט גענוג חידושים! האסט אין זיך - דו ביסט געוועז דארטן א טאג מיט א נאכט מיט א ברית - פארוואס האסטו נישט באלד דערציילט?

האט ער מעניש געוועז ר' אבא'ן, ר' אבא איז געוועז, 'אנן כללא דכולא'[מא], דער תלמיד מובהק פון ר' שמעון'ען, 'ר' אלעזר בימינא, ר' אבא בשמאלא, אנן כללא דכולא' - מיר זענען דער כלל פון די גאנצע וועלט! א קלייניקייט - ר' אבא?! אבער ער האט געדארפט די זאך (ארויסגעבן), האט ר' שמעון נישט געשוויגן, 'דו האסט געהאט דריי טעג געהאלטן אין זיך, נישט ארויסגעגעבן, בשעת אנדערע האבן זיך מחיה געוועז מיט דעם!'.

זעהען מיר דאך אז דער רצון פונעם אויבערשטן איז, אז מען שענקט איינעם א זאך זאל ער נישט האלטן ביי זיך, דו האסט אזא ענין פון 'בלבי צפנתי אמרתך למען לא אחטא לך'[מב] - עס איז דא, אבער ביים רבי'נס זאך איז דאס נישט געוועז! א פסוק איז דא '**בלבי צפנתי אמרתך**', איך פארבאהאלט ביי זיך אין הארץ! איך וויים נישט, ביים רבי'ן איז דאס נישט געוועז! האסט אין זיך א גוטע ווארט - גיב עס ארוים!

❖

# סגולה לאריכות ימים

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט אז עס איז דא א צדיק וואס 'טובה כליל בגוה'[מג]) **יא, דאס איז** געוועז דער חילוק פון 'שאול ודוד - דוד דגלי מסכתא, יראיך יראוני וישמחו; שאול דלא גלי - אל כל אשר יפנה ירשיע', דער רבי ברענגט עס דארט, עס איז א זוהר הקדוש.

---

[מא] זוה"ק נשא קכח.
[מב] תהלים קיט, יא.
[מג] תורה רפ"ג

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט[מד] אז עס איז דא אזעלכע צדיקים וואס מען שיקט זיי השגות און זיי קענען נישט איינהאלטן, זיי זאגן באלד; און עס איז דא אנדערע צדיקים וואס זיי קענען איינהאלטן און נישט גלייך זאגן) די זאך איז אזוי, דער רבי האט אזוי געזאגט: אז ס'גייט שוין איבער די זאסטאווקעס, [דארטן ביי א טייך, ביי א ים, איז דא דארטן א גרויסער בריק, אז ס'גייט שוין אריבער מוז מען שוין דארטן - -] (אמר רביז"ל:) 'אז ס'גייט שוין אריבער, מוז איך שוין זאגן עפעס'.

האט דער רבי געזאגט[מה]: **אז איך זאג אייך - אז עס גייט שוין אריבער די זאסטאווקעס!** אז עס גייט שוין אריבער מוז איך אייך שוין זאגן, שוין, דאס איז עפעס אנדערש! ביי צדיקים אז זיי רעדן עפעס - דארף עס זיין במשקל וואס זיי רעדן, וואס מיר מעגן הערן.

דער רבי זאגט דאך אין א תורה[מו] אז עס איז פגם הברית אז מען רעדט פאר איינעם א דיבור וואס ער טאר נישט הערן, די מוחין גייען אוועק דארטן וואו עס דארף נישט גיין.

געווענטליך - למשל דארטן, לערנען א שטיקל עץ חיים מיט (השגות פון) 'עתיק', אזעלכע זאכענישן זאלסטו נישט רעדן פאר קיין צווייטן, ווארום דו אליין ווייסט עס אויך נישט - ווי ווילסטו עס רעדן פאר א צווייטן?! אבער אז מען רעדט א דיבור פונעם רבי'ן, א דיבור, א קשיא, מען רעדט, דאס רעדן מיט איינעם איבער'חזר'ן נאכאמאל נאכאמאל, וואס האב איך דא מורא? אדרבה איך קען יענעם מחיה זיין.

דער רבי זאגט אין די תורה ז' (תניינא), זאגט דער רבי: **"ואזי כשימלאו ימיו ויגיע זמן הסתלקותו, אזי יתלבש בזה הדיבור שהכנים בחברו, ויהיה נחשב כאלו הוא בעצמו ממש קיים בזה העולם", אזוי ווי ער לעבט נאך!**

---

[מד] עי' שיחות הר"ן ע"ג

[מה] עי' חיי מוהר"ן שס"ח: "פעם אחת נכנס בביתו ושאל עלי, והיה צר לו עלי שאיני נמצא אז ואמר, שאין לו בפני מי לומר מה שהוא צריך לגלות. ואמר הלא אני יכול להחזיק אצלי הרבה מאד ואיני אומר כי אם כשהמים כבר עולים על כל גדותיו עד שיוצא לחוץ בעל כרחו ואמר בלשון אשכנז: **"נאר אז סע גייט איבער דיא זאסטאווקעס"**. ועכשו גם זה אין לי בפני מי לומר", עכ"ל, ועיי"ש עוד.

[מו] ליקוטי מוהר"ן קלד

דער רבי זאגט דארטן, 'כשימלאו ימיו' פלעגן אונזערע לייט זאגן: דאס איז מסוגל צו אריכת ימים! דער רבי זאגט ימלאו ימיו, דאס איז פשט ער האט אריכת ימים! 'יגיע זמן הסתלקותו', דאס איז מסוגל צו אריכת ימים! איז ממש גלייך 'כאילו הוא קיים'.

און דאס הייסט א חליפות, חליפות מאכט (ר"ת): פ"י י'דבר ח'כמות ו'הגות ל'בי ת'בונות, זאגט דער רבי (שם): דאס איז א חליפות. א חליפות בלייבט איבער! אוודאי דער אויבערשטער העלפט אז מען האט קינדער, אוודאי דארף מען דאך האבן קינדער, אבער דאס איז דאך אויך א קינד, עס בלייבט קינדער - זאגט דער רבי[מ], דיבורים טובים, 'כאלו עשאו' - זאגט דער רבי, כאילו עשה את הגוף, ס'ווערט א אנדער גוף אויך!

עס שטייט דאך אין די אנדערע מעשה פון די ז' בעטלער'ס, אז ער האט געזאגט (דער טויבער בעטלער:) 'און איך זאג אייך, אז איר וועט זיי ניט העלפן, וועט עס אייך אויך שאטן'.

❖

## אזא רבי זוכן מיר דאך!

די אלע וואס זענען געווארן מקורב, איז אלץ געווען דורך סיבות. אפילו רבי נתן איז מקורב געווארן גאר דורך א טעפער. א טעפער איז דארטן געקומען פונעם יריד, סוחרים פון טעפ, אמאל איז געווען איינגעפירט דארטן די אלע סוחרים נאכן יריד איז מען אריין צו א גוטן אידן, ער האט אים געגעבן עפעס, ער האט געגעבן א ברכה, און איז אוועקגעפארן, אזוי איז געווען תמיד.

א נייער רבי איז געקומען אלול, עס איז געקומען די טעפערס דארטן האנדלען מיט טעפ, זיי זענען געקומען, געווען דארטן אויפן יריד אין ברסלב, און אריינגעגאנגען צום רבי'ן, זיי האבן געמיינט אזוי ווי ביי אנדערע. זיי קומען אריין, זעהען זיי, עס איז גאר אן

[מ] שם בתורה ז' תניינא הנ"ל, אות ד': "ובאמת בן ותלמיד הוא כולו חד. כי הבן הוא גם כן תלמיד כנ"ל, וגם התלמיד הוא בחינת בן, כמו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה (סנהדרין צ"ט: ועין שם גם בדף יט): 'כל המלמד בן חבירו תורה, כאלו עשאו' כי נחשב כאילו עשה את הגוף של התלמיד גם כן, כי מקודם לא היה נקרא בשם אדם כלל, מאחר שלא היה בו דעת ולא היה רק דמות אדם, נמצא שעל ידי שלמד עמו תורה והכנים בו דעת, על ידי זה נעשה אדם, על כן נחשב כאלו עשאו ממש, על כן גם התלמיד הוא בחינת בן".

אנדער רבי, ער רעדט גאר - פון דעם תכלית רעדט ער, ער וויל גארנישט רעדן נאר דאס.

קומען זיי אהיים (קיין נעמיראוו) און זאגן, 'עפעס א נייער רבי געקומען קיין ברסלב! ער לאזט גארנישט רעדן קיין אנדערע זאך, ער רעדט נאר פון דעם תכלית', זאגט רבי נתן: "דאס ווילן מיר דאך טאקע! אזא רבי'ן זוכן מיר דאך!" זענען זיי (מוהרנ"ת ורבי נפתלי) געווארן מקורב דורך די טעפערס.

זיי (די טעפערס) זענען געווען נעמיראוו'ער. דארטן (באוקראינה) גייט אלעמאל יריד'ן, אין אלע שטעט איז דא איין טאג אין די וואך א יריד; אין ברסלב'ער יריד פארט מען קיין ברסלב, אין נעמיראוו [א יריד] פארט מען קיין נעמיראוו.

אזוי איז דאך אלץ דא סיבות, ביי יעדן איינעם איז דא סיבות (ווי אזוי ער ווערט מקורב).

אז דער טירהאוויצער מגיד איז געווארן מקורב איז אויך עפעס אריבער דארט, עפעס א סיבה, ער האט געזעהן עס איז דא עפעס - מיר ווייסן נישט, עס איז דא דארטן אויך עפעס א סיבה, ער האט דערקענט דעם רבי'ן!

(ר' נחמן בורשטיין: ווען דער רבי איז געווען אין טירהאוויצע איז עס געווען?) ניין, אינמיטן וועג איז עס געווען, נישט אין טירהאוויצע, עס איז געווען אינמיטן וועג, ער איז מקורב געווארן נאך אסאך פאר ארץ ישראל. דעמאלט איז דער רבי געווען נאך אין מעדוועדיווקע, א גאנצע מעשה איז געווען. אבער ער איז געווארן מקורב אויך דורך א סיבה, נאר וואס דען? ווען ער האט דערזעהן דעם רבי'ן האט ער געזאגט ['איר באהאלט זיך פון די גאנצע וועלט' וכו' (עיין לקמן)]

(השואל: ווי איז ר' נתן געקומען צו די טעפערס?) די טעפערס זענען געקומען דארטן אין שול, געדאוונט אין בית מדרש, רעדן זיי דארטן צווישן זיך, טעפערס איז דאך פראסטע מענטשן - רעדן זיי אזוי (כנ"ל). ר' ליפא איז געווען ביים רבי'ן די ערשטע סליחות - ר' ליפא איז געקומען פאר ר' נתן'ען - ער איז געווען ביים רבי'ן די ערשטע סליחות, שוין, דערנאך האט ער געזאגט סליחות (בנעמירוב).

עס איז געקומען צו די 'עננו', אזוי גייט די 'עננו' גיך - און ער (ר' ליפא) שטייט עפעס און זאגט עפעס עננו בקול גדול, וואס איז דאס עפעס? (ענה ר' ליפא:) 'איך ווייס נישט,

איך האב זיך דערנענטערט צום רבי'ן פון ברסלב, און ס'זאגט זיך עפעס אנדערש די **עננו!**' עס זאגט זיך עננו - ע' קלין![מח]

די התקרבות פון ר' יודל'ען (איז געווען), ער האט דערזעהן ר' בער'ן, געזעהן עפעס א שינוי אין יראת השם, איז ער מקורב געווארן. קומט אויס אז ר' יודל איז מקורב געווארן דורך ר' בער'ן[מט].

עס גייט אלץ אזוי, דער אויבערשטער פירט אלץ אזוי צו, עס גייט אלץ מיט סיבות, מיט סיבות, מיט סיבות!

(ר' חיים שלמה ראטנבערג: בתחילת התקרבות פון ר' נתן האט דער רבי אים מבזה געווען ביים עסן?[נ]) נישט ביים אנהויב, עס איז געווען, אמאל אזוי געווען.

(רח"ש: ער האט געזאגט אז ער איז א איש מכובד? וואס האט ער אים געזאגט?) - **יא יא, אוודאי האב איך עס געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס** (שאמר לו רביז"ל:) **"א אנדערן אז מען זאגט אים - הערט ער אויף עסן"**, האט ער ווייטער געגעסן; (שוב אמר לו רביז"ל:) **"נו, זאג איך טאקע דו זאלסט אויפהערן עסן!".**

(רח"ש: וואס האט ער אים געזאגט, ער איז א איש מכובד?) שוין, דאס ווייסטו דאך גלייך מיט מיר!

❖

## דאס איז מיין רבי!

(רנ"ב: דער טירהאוויצער מגיד איז געווען מיט ר' נחום'ל טשערנאבלער ביים רבי'ן איינמאל?) **יא!**

(רנ"ב: און ער האט זיך בארימט פאר ר' נחום'ען?) **יא; "דאס איז מיין רבי!"** (רנ"ב: דאס איז שוין געווען נאך די התקרבות?) אוודאי, וואס דען?

---

[מח] "מענין צעקת הע' קלין המוב"פ. הנה רואה המאמר (בליקוטי תפילות סי' ל"ו) יבחין בסופה שהביא מוהרנ"ת לשון התפילה "עננו" עננו ה' עננו גואלי עננו וכו' והיתה כוונתו שהאומר התפילה יסיים מאליו את כל לשון התפילה הנ"ל. ושמעתי בשם הרה"ח ר' שמואל שפירא ז"ל שכאשר תמנה מספר תיבות "עננו" יעלו לחשבון ע' לרמוז לע' קלין המוב"פ ודפח"ח", (מעדני מלך).

[מט] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן, אות י"ט.

[נ] עי' שיש"ק החדש ח"ב, קכ"ז.

האט געזאגט ר' נחום'ל אויפן רבי'ן אז ער איז א יפה עינים![נא] (רנ"ב: דעמאלט האט עס ר' נחום געזאגט?) יא! (אחד הנוכחים: נישט פריער, ווען ער האט געגעבן א שמייס?) דאס איז עפעס אנדערש געווען; עס איז געפלויגן דארטן פייגעלעך צו טויבעלעך, דער בעל עגלה האט געגעבן א שמייץ (הוא רצה להכות את הסוס, בתוך כך פרח עוף אחד והשבט נפל בטעות על העוף) - איז אראפגעפאלן עפעס איינס, דער בעל עגלה האט געגעבן א שמייץ מיט א בייטש -

(רנ"ב: זיי האבן געגעסן, דאכט זיך, פון די היי, פון די שטרוי וואס איז אראפגעפאלן, האט ער געגעבן א שמייץ - האט ער איינס דער'הרג'עט) האט ער איינס דער'הרג'עט! (רנ"ב: האט דער רבי זיך אנגערופן: עס קומט דיר!) "דו האסט דערווערדי!" און ר' נחום האט דאס דערזועהן (ענה ואמר:) "ער איז א יפה עיניים, ער האט שיינע אויגן".

(רח"ש: ר' נחום איז דעמאלט מיטגעפארן מיטן רבי'ן?) עס איז פונקט געווען וואס דעמאלט איז ער געווען מיטן טירהאוויצער מגיד, האט ער געזאגט: 'ער האט לעכטיגע אויגן! ער זעהט גוט!'

(רמ"ב: און ווען האט ער געזאגט 'למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו'[נב] - נאך פריער?) דאס איז אלץ ביים אנהויב געווען.

די אלע צדיקים, די תלמידי בעל שם, זענען אלע געווען אין מעזיבוזש. די אלע זענען דאך געווען תלמידי בעל שם, אלע זענען געקומען קיין מעזיבוזש, דער רבי'נס פאטער האט דארטן געוואוינט, דארטן איז געווען דער חדר פונעם בעל שם הקדוש, האבן אלע געקענט דעם רבי'ן - קען מען נישט וויסן פונקטליך ווי אזוי עס איז געווען; עס איז דא אזא מין דיבור, אזוי האט ער געזאגט, ער האט אזוי געזאגט, אזוי געזאגט, אלע דיבורים זענען אמת!

דער טירהאוויצער מגיד איז א געוואלדיגער חידוש (זיין התקרבות), ער איז געווען א איד פון עטליכע און ניינציג יאר ווען ער איז נפטר געווארן, און ער איז נפטר געווארן עטליכע יאר נאכן רבי'ן, נישט קיין סאך, א צוויי יאר.

---

[נא] עי' שיש"ק החדש ח"א, כ"א.

[נב] עי' שיחות הר"ן קס"ח: "והרב הקדוש מורנו הרב רבי נחום זכרונו לברכה מטשערנאביל ראה אותו בימי נעוריו בקהלת מעדוועדווקע, ונתבהל מעצם היראה שהיה על פניו אז, ואמר שמה שנאמר (שמות כ יז): "למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו" זה רואין בחוש אצלו".

(השואל: דער ערשטער ראש השנה נאך די הסתלקות פונעם רבי'ן איז ער געפארן?) ניין, ער פלעגט נישט פארן אויף ראש השנה, ער פלעגט קיינמאל נישט פארן אויף ראש השנה, ער איז דאך אליין געווען א מפורסם מיט תלמידים (רנ"ב: דעם לעצטן ראש השנה ביים רבי'ן איז ער אויך נישט געווען?) ניין.

ער איז געווען - ביים רבי'ן איז ער געווען אין אומאן, און דעמאלט איז ער איינגעשטאנען ביים רבי'ן, ער איז געווען א מגיד, ארום געפארן, איז ער געווען - אין אומאן איז אויך געווען זיין מגידות.

איז געווען א גביר, ביי אים איז ער תמיד איינגעשטאנען, אבער דאס מאל איז דער רבי געווען, איז ער איינגעשטאנען ביים רבי'ן, איז געקומען דער גביר, זאגט ער אים: 'זענט איר משנה אייער אכסניה?' (ענה המגיד:) 'נו, דער רבי איז דאך דא!'. (ענה הגביר:) 'זאלט איר שוין משנה זיין כסדר' - א גביר האט אין זיך עזות. זאגט ער אים: 'דו רעדסט ווי א חסר דעה', איז ער גלייך געווארן משוגע, אלע יארן געווען משוגע.

לויט'ן חשבון קומט אויס, אז ער איז מקורב געווארן אין די נונ'ען (בשנות תק"ן). תקנ"ח איז דער רבי געפארן קיין ארץ ישראל, ער איז מקורב געווארן נ"ה, נ"ד - אין די נונ'ען איז ער געווארן מקורב. און ער איז נפטר געווארן אין די עין'ס; צו ע"ב, ע"ג - באלד נאכן רבי'ן, און וויפיל איז געווען? א צוואנציג יאר. און ער איז אלט געווען ניינציג יאר (כשנסתלק), איז א חשבון - אז ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן איז ער אלט געווען זיבעציג יאר, ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן ווען ער איז געווען א איד פון זיבעציג יאר, און דעמאלט איז דער רבי אלט געווען צוויי-דריי און צוואנציג יאר, פאר ארץ ישראל.

עס איז א געוואלד, א איד פון זיבעציג יאר, פון יענע צדיקים.

❖

# כי מקיו"ב תצא תורה

(רנ"ב: מסתם איז ער געווען מתלמידי המגיד [ממזריטש], מסתם האט ער נאך געקענט דעם בעל שם!) דער בעל שם - אוודאי! אז ער איז אלט געווען זיבעציג יאר אין די נונ'ען, איז וויפיל איז ער אלט געווען בשעת דער בעל שם הקדוש איז נסתלק געווארן (בשנת תק"כ)? איז ער דעמאלט אלט געווען א פערציג יאר.

מען ווייס נישט, דער שכל איז מחייב אז ער איז געווען ביים מגיד, ער איז געווען ביים בעל שם הקדוש, מסתם איז ער געווען ביי די אלע צדיקים.

(רנ"ב: ר' נחום איז געווען ביים בעל שם?) ער איז געווען א תלמיד ביים בעל שם, אוודאי, און ער (טירהאוויצער מגיד) איז געווען זיינער א חבר.

(רנ"ב: אז דער רַב (בעל התניא) האט גענומען ביי אים א הסכמה אויפן סידור איז ער מסתמא [געווען גאר גרויס]) אויפן סידור[סג], יא! ער איז געווען געוואלדיג גרויס! מען זעהט דאך אז דער רבי ר' זושא האט זיך מיט אים משדך געווען[סד].

ער איז געווען געוואלדיג גרויס, און ער איז (אזוי ארויס פון התפעלות, אז) ער האט געזאגט צום רבי'ן: **"איר פארבאהאלט זיך פון די גאנצע וועלט, און פון מיר אוודאי, איר וועט זיך פון מיר נישט באהאלטן, מען שיסט מיך און מען ראנעט מיך, צושאסן זאל איך ווערן - פון דעם אמת וועל איך נישט אראפפאלן!"**.

און ער האט געהאלטן - 'עס איז דא א רבי און שוין!'

(השואל: וואס הייסט מען ראנעט מיך?) פצעים! 'מען שיסט מיך און מען ראנעט מיך, צעשאסן וועל איך ווערן, פונעם אמת וועל איך נישט אראפ!', פארטיג, און שוין גערופן אים רבי!

❖

אין טירהאוויצע איז דא א בריקל, א גשר, אינדערמיט, די זייט איז כאנאראט און די זייט הייסט טירהאוויצע. טירהאוויצע איז אין קיוב'ער גובערניע, כאנאראט איז פון חארסאנער גובערניע. האבן געזאגט צדיקים (אויפן מגיד), 'מען האט אים אוועקגעזעצט א שומר הפתח, אז ער זאל היטן עס זאל נישט אריין דאס רע פון חארסאן - זאל נישט אריין אין קיוב!'.

חארסאן איז געווען א מאדערנע מעשה, קיוב איז געווען פרומער, האט מען אים אוועקגעזעצט דארטן עס זאל נישט אריינגיין דאס 'רע' פון חארסאן זאל נישט אריינגיין אין קיוב.

[סג] מהדפו"ר של סידור זה לא נמצא בימינו שום עותק.

[סד] ר' יצחק חתן המגיד נתגדל בבית הרה"ק ר' זוסיא מאניפולי

קיוב איז געווען פרומער, און קיוב איז געווען אסאך ישיבות, מען האט געזאגט: 'כי מקיו"ב תצא תורה!' און הארסאן איז געווען מאדערן, שוין געווען א אנדער לבוש, האט מען אים אוועקגעזעצט פאר א שומר ער זאל היטן ס'זאל נישט אריין דאס רע פון הארסאן אין קיוב.

(רנ"ב: דער רבי איז דאך געווען שבועות אין הארסאן!) יא[נה].

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מעומק לבבינו אנו מברכים ברכת מז"ט לידידינו, העומד לימין המערכת בעצה ותושיה
מוה"ר **שלמה יהודה**
**ווייצהענדלער** הי"ו
יו"ר 'מכון משך הנחל'
לרגל שמחת **אירוסי הבת**
'המערכת'

מוה"ר **משה**
**יצחק שטיינער**
הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**אירוסי הבת**
למזל טוב

מוה"ר **יחיאל**
**אלטר הכהן**
**כ"ץ** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת הבן**
למזל טוב

מוה"ר **חיים צבי**
**שווארץ** הי"ו
מאסי יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת הבת**
למזל טוב

מעומק לבבינו אנו מברכים ברכת מז"ט לידידינו, העומד לימין המערכת במסירות נפלא
מוה"ר **יואל הלוי**
**יוזשעף** הי"ו
לרגל שמחת אירוסי **בנו** עב"ג
מוהר"ר **יעקב אלחנן ריכטער** הי"ו
'המערכת'

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר**יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה

---

[נה] עי' חיי מוהר"ן קל"ב.